עקב תשפ"ב
גליון 106

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין פַּרְשַׁת עֵקֶב. דִי פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן, "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה, פַארְוָואס נוּצְט דִי תּוֹרָה דֶער לָשׁוֹן 'עֵקֶב', עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין, וְהָיָה אִם תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה?

דָאס וָוארְט 'עֵקֶב' אִיז מִלָּשׁוֹן 'סוֹף', אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער קָאפּ דֶער אָנְהוֹיבּ אוּן דֶער עֵקֶב פוּן דִי פִיס אִיז דֶער סוֹף. נָאךְ אַ טַייטְשׁ הָאט עֵקֶב: 'צֶעטְרֶעטְן', וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, זָאגְט מֶען: "עֶר הָאט יֶענֶעם צֶעטְרֶעטְן!"

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי חז"ל רוּפְן אָן דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן, "עִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא – סוֹף פוּנֶעם גָלוּת," דֶער אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם אוֹר פוּן מָשִׁיחַ, וֶוען דִי שׂוֹנְאִים שְׁטַארְקְן זִיךְ זַייעֶר מִיט זַייעֶרֶע פִיס אוּן ווילְן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטְרֶעטְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ דֶעם? זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה". 'מִשְׁפָּט' קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז ס'אִיז נִישְׁט 'סְתַם אַזוֹי' גֶעשֶׁען, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין צוּפַאל אַז דִי רְשָׁעִים ווילְן שְׁטֶערְן אוּן צֶעטְרֶעטְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּן בֵּית מִשְׁפָּט אוֹיבְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶערְהֶערְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּטִים, אַלֶע דִינִים, מְנִיעוֹת אוּן יִסוּרִים אִיז נָאר פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען זְכוּת אָבוֹת, אוּנְז צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן דִינִים.




וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו". דָאס וַוייזְט אַז אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן פוּן עִקְבְתָא דִּמְשִׁיחָא ווִיל עֵשָׂו צֶעטְרֶעטְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אִיז דִי עֵצָה "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת". 'יָד' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף 'תְּפִלָּה', אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה". זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער תַּרְגּוּם, "פְּרִישָׁן בִּצְלוֹ", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז אוֹיף יֶעדֶע

המשך אויף זייט 11

# ראֹש הַשָּׁנָה אָן קַיין מוֹרָא

די פָּאלְגֶנְדֶע הָאט הרה"ח רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל דֶערְצֵיילְט בַּיי אֵיינֶע פוּן זַיינֶע שְׁמוּעֶס'ן:

"ס'קוּמְט ראֹש הַשָּׁנָה דֶערמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן דֶעם ראֹש הַשָּׁנָה פוּן יָאר תר"פ. יֶענֶע יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען פַאר'ן עָמוּד, אוּן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען שְׁלַאף אַ גַאנְצְן זוּמֶער פוּן 'טִיף' (טִיפוּס רח"ל). אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אַרוּמְגֶעוִויקֶלְט דִי פִּיס מִיט שְׁמַאטֶעס. ס'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט גֶעוַואלְדִיג, דִי בַּאנְדֶעס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אוֹי, אוֹי, זֵיי הָאבְּן גֶע'הַרְגֶ'ט.

נוּ, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעדַאוְוענְט פַארְן עָמוּד, אוּן יוֹם כִּפּוּר בִּין אִיךְ שְׁלַאף גֶעוֶוען, אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן - יְחִיאֵלְ'ס טַאטֶע, ר' שְׁלֹמֹה זַלְמָן, הָאט עֶר מִיר יֶעדְן טָאג גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל עֶסְן, אוּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר הָאט עֶר מִיר אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל עֶסְן כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין בַּיים עָמוּד אַלְס בַּעַל תְּפִלָּה.

ר' אֶלְחָנָן סְפֶּעקְטָאר ז"ל אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען שְׁלַאף אוֹיף טִיף, אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אוּן זָאגְט מִיךְ אַז עֶר וִויל אַרַיינְשְׁטֶעקְן דֶעם לֶעפְל, (עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ טֵיילְן מִיטְ'ן עֶסְן). הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט "ס'אִיז אַ סְעוּדָה וָואס אִיז קוֹים גֶענוּג פַאר אֵיינֶעם!"

(רַבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט פַאר'ן אָפְּזָאגְן ר' אֶלְחָנָן אוּן עֶר הָאט אִים גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן פּוֹילְן הָאט עֶר נִישְׁט בַּאגְרִיפְן דִי מַצָּב פוּן עֲנִיוּת אוּן הוּנְגֶער וָואס הָאט דָאן גֶעהֶערְשְׁט אִין אוּמַאן. יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן שׁוֹין בֵּיידֶע גֶעווֹאוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט רַבִּי לֵוִי יִצְחָק יֶעדֶעס יָאר ראֹש הַשָּׁנָה נָאךְ מוּסָף וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט טֵי מִיט מְזוֹנוֹת פְלֶעגְט עֶר דֶערלַאנְגֶען פַאר ר' אֶלְחָנָן אַ גְלָאז טֵי אוּן קִיכְל. "אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן?" הָאט ר' אֶלְחָנָן גֶעפְרֶעגְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן"!)

אָה, הָאט מֶען דֶעמָאלְט גֶעדַאוְונְט! וֶועלְכֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזוֹי גֶעדַאוְונְט? קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן... אִינְמִיטְן אַ קְרֶענְק!! נָאר עֶפֶּעס אַ כֹּחַ פוּן אוֹיבְן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן כּוֹחוֹת! מֶען הָאט גוּט גֶעדַאוְונְט!!

הַשּׁוֹאֵל: וֶוען אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ ראֹש הַשָּׁנָה אַז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן?

יָא יָא, דָאס אִיז גֶעוֶוען יֶענֶעם ראֹש הַשָּׁנָה. מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ טָאג פַאר עֶרֶב ראֹש הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. דֶער רֶעגְן הָאט גֶעגָאסְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אַרַיין אוֹיסְגֶעוֵוייקְט נַאס. דִי גַאנְצֶע שׁוּל אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט בֶּעטְן, פוּן צְוֵויי בֶּענְק אִיז גֶעוָוארְן אַ בֶּעט... אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלֶעגְן אוֹיף טִיף, אַלֶע אַלֶע ר' אֶלְחָנָן אַלֶע, מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל!

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָאג פַאר עֶרֶב ראֹש הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט בַּיי זְכוֹר בְּרִית!

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בַּיי מַתִּתְיָ' ע"ה. עֶר הָאט מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, עֶר הָאט מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין

המשך אויף זייט 5

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## שַׁבָּת פֶּעקְל פוּן הִימְל

פָּארִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט הָאבְּן מִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּמַאכְן שַׁבָּת. אוּנְזֶער הוֹיז אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ לֵיידִיג, (מִיר הָאבְּן דָאס אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ...), אָבֶּער מַיין חָשׁוּבֶע מַאמֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען בֶּע׳דַאֲגֶה׳ט. זִי וֵוייסְט שׁוֹין פוּן שְׁטֶענְדִיג אָן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִיר אִין דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ, "נִסִּים, תְּפִלָּה, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֶענֶען אַלֶעס אֵיינְס." דָאס מֵיינְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דִי פְּלַאץ פוּן נִסִּים.

מַיין טַאטֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁקָלִים וָואס עֶר הָאט עְרְגֶעץ וואוּ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט. עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט מַיין מַאמֶע וָואס מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן אוּן מַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע רְשִׁימָה. אַיי, פוּן וואוּ וֶועט מֶען עֶס דֶעקְן? מֶען וֵוייסְט נַאכְנִישְׁט. מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט מִיט דִי רְשִׁימָה. עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶעכֶענֶער צוּ בַּאצָאלְן, אָבֶּער אוֹיךְ פַאר דִי פָּאר קְלֵיינֶע זַאכְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט אוּן נָאכְן צַאמְרֶעכֶענֶען הָאט עֶר גֶעמוּזְט צוּרִיקְלֵייגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן אוֹיפְן פָּאלִיצֶע. מַיין טַאטֶע שְׁפַּאנְט צוּם אַרוֹיסְגַאנְג פוּן גֶעשֶׁעפְט מִיט אַ קְלֵיין זֶעקְל עֶסְן וָואס דַארְף זַיין גֶענוּג צוּ מַאכְן שַׁבָּת פַאר אַ מִשְׁפָּחָה פוּן אַכְט נְפָשׁוֹת בלעה"ר.

אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ אַ סְפַרְ׳דִישֶׁע אִידֶענֶע אוּן זִי פְרֶעגְט אִים, "ר׳ אִיד, אִיר הָאט שׁוֹין צוּ מַאכְן שַׁבָּת?"

זָאגְט אִיר מַיין טַאטֶע, "כִּמְעַט, אִיךְ דַארְף נָאךְ הָאבְּן אַפָּאר קְלֵיינִיקֵייטְן..."

"אִיז גֵיי נֶעם וָואס דוּ דַארְפְסְט אוֹיף שַׁבָּת," הָאט זִי אִים אָנְגֶעטְרָאגְן. אוּן מַיין טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען נָאר אַפָּאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן.

"אַזוֹי קוֹיפְט מֶען אַיין אוֹיף שַׁבָּת?!" הָאט זִי זִיךְ גֶעבַּייזֶערְט, "גֵיי נֶעם נָאךְ זַאכְן!" הָאט מַיין טַאטֶע גֶענוּמֶען נָאךְ אַפָּאר זַאכְן. אָבֶּער זִי אִיז נַאכְנִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן. "גֵיי נֶעם נָאךְ!" אוּן מַיין טַאטֶע הָאט גֶענוּמֶען נָאךְ אַפָּאר קְלֵיינֶע זַאכְן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט צוּ נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶעמ׳ס חֶשְׁבּוֹן. זִי הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל נֶעמֶען בְּשֶׁפַע אִיז זִי אַלֵיינְס אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין גֶעשֶׁעפְט צַאמְנֶעמֶען זַאכְן, טִישׁוּס, נַאשׁ, טְרִינְקֶען, אֵיינְמָאלִיגֶע גֶעשִׁיר, אד"ג.

אוֹיךְ דֶער גֶעשֶׁעפְסְטְמַאן הָאט גֶעזֶען אַז

המשך אויף קומענדיגע זייט

עֶפֶּעס דְרַאמַאטִישׁ קוּמְט דָא פָאר הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיט דֶער אַרְבֶּעט, "דִי אַייסֶעס אִיז יֶעצְט בִּילִיג... דִי טָאנֶא קֶענְסְטוּ יֶעצְט הָאבְּן פִיר פַאר אַכְצְן..." עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דָאס אוּן יֶענְץ אוּן אָנְגֶעפַּאקְט דֶעם טִישׁ מִיט כָּל טוּב וָטוֹב אוּן דִי גוּטְהַארְצִיגֶע אִידֶענֶע הָאט אַלֶעס בַּאצָאלְט. לִכְאוֹרָה הָאט זִי בַּאמֶערְקְט פוּן זַייט וִוי מַיין טַאטֶע קְוֶוענְקֶלְט זִיךְ בַּיים אַיינְקוֹיפְן הָאט זִי אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

אַהֵיימְצוּגֵיין הָאט שׁוֹין מַיין טַאטֶע גֶעדַארְפְט אַ קַאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אַלֶעס אַהֵיימְשְׁלֶעפְּן. עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ טְרֶעמְפּ מִיט אֵיינֶעם וָואס וואוֹינְט אִין גֶעגְנְט. עֶר קְלִינְגְט אַהֵיים אַז מִיר קִינְדֶער זָאלְן אִים אָפְּוַוארְטְן אוּנְטְן מִיט אַ וֶועגֶעלֶע. מַיין מַאמֶע הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, "אַ וֶועגֶעלֶע? פַארְוָואס דַארְף עֶר אַ וֶועגֶעלֶע פַאר אַפָּאר קְלֵיינֶע זַאכְן. עֶר אִיז דָאךְ אַרוֹיס פוּן הוֹיז אָן קַיין גֶעלְט?!"

מִיר קוּמֶען אַרָאפּ אוּן מַיין טַאטֶע פַּאקְט אַרוֹיס פוּן קַאר אֵיין זֶעקְל אוּן נָאךְ אֵיינְס... סְ'עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט. עֶר שְׁלֶעפְּט זֶעקְלֶעךְ אוּן זֶעקְלֶעךְ. זַיין גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיין פָּנִים הָאט אוּנְז שׁוֹין אַיינְגֶעמָאלְדְן אַז עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין גֶעשֶׁעפְט. אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ הָאט עֶר אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי נִסִים וָואס עֶר הָאט בַּייגֶעוואוֹינְט. אוּן מִיר הָאבְּן אַלֶע אָפְּגֶעגֶעבְּן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַאר זַיינֶע חֲסָדִים. אִיךְ מוּז עֶנְק זָאגְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת!




## ~ דִי זִיבֶּעטֶע מַעֲשֹׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

### די פליג און דער שפין



המשך פון זייט 2

בֶּעט, און עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פָּאר וֶועשׁ, אִיבֶּערְצוּטוּן. אָבֶּער דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶענֶעכְטִיגְט דָא אִין שׁוּל, מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אִינְדְרוֹיסְן! מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז בַּיינַאכְט וֶועט מֶען זָאגְן סְלִיחוֹת אִין שׁוּל!

הַשּׁוֹאֵל: דֶער עוֹלָם וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען וֶועט זָאגְן סְלִיחוֹת? נֵיין, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דֶער עוֹלָם זָאל אַוֶועקְגֵיין! זֶענֶען אַלֶע גֶעבְּלִיבְּן אִין שׁוּל, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אוֹיף דִי גַאס בַּיינַאכְט. ס'אִיז אַ שֵׁיינֶער עוֹלָם גֶעוֶועזְן. אִיךְ הָאבּ גֶענֶעכְטִיגְט בַּיי מַתְּתִי'ן, אוֹיךְ נֶעבְּן דִי שׁוּל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעוַוארֶעמְט אַבִּיסְל. וֶוען ס'אִיז גֶעקוּמֶען פַארְנַאכְט פוּן זְכוֹר בְּרִית אִיז גֶעוֶועזְן "אוֹיס קְרַאנְקֶע", "אוֹיס בֶּעטְן" אַלֶע בֶּענְק זֶענֶען שׁוֹין צוּנוּמֶען! דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין אָנְגֶעטוּהן, און מֶען שְׁטֵייט און מֶען זָאגְט זְכוֹר בְּרִית גֶעשְׁמַאק, גְלַייךְ וִוי ס'אִיז גָארְנִישְׁט! און שׁוֹין, מֶען זָאגְט שׁוֹין. אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען אָפְּגֶעדַאוֶונְט, דֶערְנָאךְ אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן צִיוּן, מַמָּשׁ גְלַייךְ וִוי ס'אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶועזְן קַיין קְרֶענְק! מְ'הָאט אָרוֹיסְגֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְקֵייט, נֶעכְטְן זֶענֶען זֵיי גֶעלֶעגְן אַלֶע טִיף, און הַיינְט זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען... שׁוֹין פַארְטִיג דִי קְרֶענְק. מֶען גֵייט שׁוֹין אוֹיפְ'ן צִיוּן אַזוֹי וִוי אַלֶע יָאר!

אִיךְ גֶעדֶענְק, ס'אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיפְדֶערְנַאכְט נָאךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן מַעֲרִיב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אֵיינֶער אַ שְׁלִיחַ פוּן דֶעם שְׁטָאט'ס רַאבִּינֶער, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֶעוֶוען נָאר אַבִּיסְל מָאדֶערְן, אַ מִין רַב הָרָאשִׁי אַזַא מִין סָארְט, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ אִין אַלֶע שׁוּלְן אוֹיסְגֶערוּפְן - אַז מֶען זָאל אָפְּדַאוְונֶען פַּארְטָאגְס. בִּיז ס'וֶועט טָאג זָאל וֶוערְן פַארְמַאכְט אַלֶע שׁוּלְן וַוייל ס'וֶועט זַיין מָארְגְן שִׁיסֶערַייעֶן אִין שְׁטָאט, דִי בַּאנְדֶעס דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ און ס'אִיז אַ סַכָּנָה. מֶען זָאל זַיין אִין דִי הַייזֶער, פַארְמַאכְט אִין דִי קֶעלֶערְס.

הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶערוּפְן ר' שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי ז"ל, - ר' שִׁמְשׁוֹן גֶעדֶענְקְט אִיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִילֶער - "ס'אִיז דֶעם רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זָאל דַאוֶונֶען אַזוֹי וִוי אַלֶע יָאר. מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם חִילוּק, אַזוֹי וִוי אַלֶע יָאר!" דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע קְלוֹיז אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגֶע שׁוּל אִין שְׁטָאט וואו מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן. אַלֶע אַנְדֶערֶע שׁוּלְן הָאט מֶען גֶעדַאוְונְט פַּארְטָאגְס און וִוי נָאר ס'אִיז גֶעוָוארְן טָאג אִיז גֶעוֶוען "אוֹיס שׁוּל"! בַּיי אוּנְז - ר' שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֵייט אִין זִיךְ - עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶעם רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אַזוֹי וִוי מֶען דַאוְונְט אַלֶע יָאר זָאל מֶען דַאוֶונֶען הַיינְטִיגְס יָאר!"

הַשּׁוֹאֵל: אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען? יָא, אַזוֹי וִוי אַלֶע יָאר! מֶען הָאט אָפְּגֶעדַאוֶונְט בִּיז דְרֵיי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, און אִינְדְרוֹיסְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גֶעפֶערְלִיכֶע מַצָּב ס'אִיז דָאךְ אַ סַכָּנָה אִינְדְרוֹיסְן אָבֶּער בַּיי אוּנְז הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענְט! מִיר הָאבְּן גוּט גֶעדַאוְונְט! דֶער גֶעפִיל פוּן אוּנְז... און דֶער גֶעדַאנְק פוּן אוּנְז הָאט מֶען אָנְגֶעטַאפְּט מִיט דִי הֶענְט אַז ס'אִיז דָא אַ רֶבִּי!

# מַעֲשֶׂה ז – דֶער 'פְּלִיג' אוּן דֶער 'שְׁפִּין'

## [פֶּרֶק א] מְ'שְׁפֶּעט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער / דֶער 'פְּלִיג' אוּן דֶער 'שְׁפִּין' אוּן דָאס 'בְּלֶעטְל'

**[א]** אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין 'נְסִיעָה', וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט!

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ', וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גֶעהַאט כַּמָּה 'מִלְחָמוֹת' שְׁוֶוערֶע. אוּן הָאט זֵיי כּוֹבֵשׁ גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: אַיינְגֶענוּמֶען), אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַסַאךְ 'שְׁבוּיִים' [גֶעפַאנְגֶענֶע]!

([אִינְמִיטְן וָואס רַבֵּינוּ ז"ל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בָּזֶה־הַלָּשׁוֹן]: "אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען [אַז] אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר [אַלֶעס] דֶערְצֵיילְן, וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵייךְ"?)!

*

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן 'בַּאל' [סְעוּדָה], אַלֶע יָאהְר אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מִלְחָמָה'! – אוּן סֶע [סְ'אִיז] דָארְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'בַּאל', אַלֶע 'שָׂרֵי־מְלוּכָה', אוּן אַלֶע 'שְׂרָרוֹת', אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי 'מְלָכִים'!

אוּן מְ'הָאט דָארְט גֶעמַאכְט 'קָאמֶעדְיֵיעס' [פָארְשְׁטֶעלוּנְג־שְׁפִּילְן], אוּן מְ'הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַלֶע 'אוּמוֹת' [פֶעלְקֶער] – פוּן דֶעם 'טֶערְק', אוּן פוּן אַלֶע 'אוּמוֹת'! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעקְרוּמְט [פוּן גֶעלֶעכְטֶער] נָאךְ אִיטְלֶעכֶער 'אוּמָּה' [פָאלְק], אַזוֹי־וִוי [לוֹיט] זֵייעֶר 'נִימוּס' אוּן זֵייעֶר 'פִירֶעכְץ' אִיז! – מִן־הַסְתָּם הָאט מֶען פוּן אִידְן אוֹיךְ גֶעשְׁפֶּעט!

**[ב]** הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהֵייסְן: "[מֶען זָאל אִים] בְּרֶענְגֶען דָאס 'סֵפֶר', וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן דִי 'נִימוּסִים' אוּן דָאס 'פִירֶעכְץ' פוּן אִיטְלֶעכֶער 'אוּמָּה'"!

אוּן אוּמֶעטוּם וואו דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דָאס 'סֵפֶר', הָאט עֶר גֶעזֶעהְן [דִי 'נִימוּסִים' אוּן דָאס 'פִירֶעכְץ' פוּן יֶענֶעם 'פָאלְק'], פּוּנְקְט אַזוֹי־וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי 'קָאמֶעדְיֵיע' פוּן זֵיי! – וָוארְן מִן־הַסְתָּם, דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי 'קָאמֶעדְיֵיע', הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעזֶעהְן דָאס 'סֵפֶר'!

דֶערְוַוייל וִוי דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז גֶעזֶעצְן אִיבֶּער דֶעם 'סֵפֶר', הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: וִוי אַ 'שְׁפִּין' קְרִיכְט, אוֹיף דִי 'שַׂארְף' פוּן דִי 'בְּלֶעטֶער' פוּן דֶעם 'סֵפֶר'! – אוּן אוֹיף דִי 'בְּלֶעטֶער' פוּן דֶעם 'סֵפֶר', אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ 'פְּלִיג'! – מִן־הַסְתָּם וואוּהִין גֵייט אַ 'שְׁפִּין', צוּ אַ 'פְּלִיג'!

דֶערְוַוייל וִוי דִי 'שְׁפִּין' אִיז גֶעקְרָאכְן, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער 'פְּלִיג' – אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'וִוינְט', אוּן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס 'בְּלֶעטְל' פוּן דֶעם 'סֵפֶר'! – [בְּמֵילָא] הָאט דִי 'שְׁפִּין' נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּ דֶער 'פְּלִיג' – הָאט זִי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט [צוּרִיקְגֶעקֶערְט], אוּן הָאט זִיךְ קְלוֹימֶערְשְׁט [לְמָשָׁל] גֶעמַאכְט, גְלַייךְ [כְּאִילוּ] וִוי זִי קֶערְט זִיךְ אוּם [צוּרִיק], אוּן וִויל שׁוֹין נִישְׁט הָאט ווִידֶער דִי 'שְׁפִּין' גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דֶער 'פְּלִיג'! – הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס 'בְּלֶעטְל', אוּן [דָאס 'בְּלֶעטְל'] הָאט זִי נִישְׁט גֶעלָאזְט [דִי 'שְׁפִּין' גֵיין צוּם 'פְּלִיג'] ! – הָאט זִיךְ דִי 'שְׁפִּין' וִוידֶער אוּמְגֶעקֶערְט! – אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל!

נָאכְדֶעם: אִיז וִוידֶער דִי 'שְׁפִּין' גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער 'פְּלִיג', אוּן אִיז אַזוֹי גֶעקְרָאכְן – בִּיז זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעכַאפְּט מִיט אֵיין 'פִּיסְל', אוֹיף דֶעם 'בְּלֶעטְל'!

הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס 'בְּלֶעטְל'! – אוּן דִי 'שְׁפִּין' אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסְל אוֹיף דֶעם 'בְּלֶעטְל'!

הָאט זִיךְ [דַאן] דָאס 'בְּלֶעטְל' אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט אִינְגַאנְצְן – בִּיז דִי 'שְׁפִּין' אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוּנְטֶערְן 'בְּלֶעטְל', צְווִישְׁן אֵיין 'בְּלֶעטְל' אוּן אַנְדֶערְן, אוּן זִי אִיז דָארְטְן גֶעקְרָאכְן – אוּן אִיז אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן מַטָּה מַטָּה, בִּיז סֶע [סְ'אִיז] פוּן אִיר גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן!

(אוּן דִי 'פְּלִיג' – וֶועל אִיךְ אַייךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גֶעטָאן)!

## [פֶּרֶק ב] דָאס 'חָלוֹם' מִיטְן 'פַּאטְרֶעט' / דָאס 'בְּלֶעטְל' בַּאשִׁיצְט / דֶער 'הוֹיכֶער בַּארְג' / דִי צֵיינֶער פַאלְן אַרוֹיס

**[א]** אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט דָאס אַלְץ גֶעזֶעהְן, אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט! – עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶערֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] זַאךְ, נָאר מְ'וַוייזְט אִים עֶפֶּעס אַ זַאךְ דֶערְמִיט"! – (אוּן דִי אַלֶע 'שָׂרִים' הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' קוּקְט, אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶערוֹיף")!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן: "וָואס דָאס בַּאדֵייט"?! – אוּן עֶר אִיז אַנְדְרִימְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם 'סֵפֶר'!

הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ'ט: אַז עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין דֶער הַאנְט אַ 'דוּמִיט' [דִימַאנְט], אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים גֶעקוּקְט – זֶענֶען פוּן אִים אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען 'גוּזְמוֹת' [פוּן] מֶענְטְשְׁן! – הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם 'דוּמִיט' פוּן דֶער הַאנְט!

אוּן דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי 'מְלָכִים' – [אַז] סְ'הֶענְגְט אִיבֶּער זֵיי, זַיין 'פַּאטְרֶעט' [בִּילְד], אוּן אִיבֶּער דֶעם 'פַּאטְרֶעט', הֶענְגְט דִי 'קְרוֹין'!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אִין 'חָלוֹם': וִוי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם 'דוּמִיט', הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'פַּאטְרֶעט', אוּן הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם 'קָאפּ' [פוּן קֶענִיג]! – דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דִי 'קְרוֹין', אוּן הָאבְּן [דָאס] אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין דֶער 'בְּלָאטֶע' אַרַיין! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ אִים, זֵיי זָאלְן אִים הַרְגֶ'ענֶען!

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ 'בְּלֶעטְל' פוּן דֶעם 'סֵפֶר' וָואס עֶר אִיז גֶעלִיגְן דֶערוֹיף, אוּן הָאט אִים פַארְשְׁטֶעלְט [בַּאשִׁיצְט] ! – הָאבְּן זֵיי אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טָאן! – זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים! – אוּן דֶערְנָאךְ, הָאט זִיךְ דָאס 'בְּלֶעטְל' אוּמְגֶעקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט!

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעוָואלְט אִים הַרְגֶ'עֶנֶען! – הָאט זִיךְ ווִידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס 'בְּלֶעטְל', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען כַּמָּה מָאל!

**[ב]** הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶעהְן: וָואסְפַאַרַא 'בְּלֶעטְל' סְ'אִיז אוֹיף אִים מֵגִין (דְהַיְינוּ: סְ'בַּאשִׁיצְט אִים) ! – וָואסֶערֶע 'נִימוּסִים' [גֶעזֶעצְן אוּן פִּירוּנְגֶען] סְ'שְׁטֵייעֶן דֶערוֹיף! – פוּן וֶועלְכֶער 'אוּמָה' [פָאלְק] דָאס אִיז?!

הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קוּקְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד"! "גֶעוַואלְד"!

אוּן אַלֶע 'שָׂרִים' וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן, הָאבְּן [דָאס] גֶעהֶערְט – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן – נָאר דָאס אִיז נִישְׁט קַיין 'נִימוּס' [אַז] מֶען זָאל אַ 'מֶלֶךְ' וֶועקְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעקְלַאפְּט אַרוּם אִים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אִים אוֹיפְוֶועקְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט!

**[ג]** דֶערְוַוייל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ 'הוֹיכֶער בַּארְג', אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס שְׁרֵייסְטוּ אַזוֹי? – עֶס אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַ [אַזַא] לַאנְגֶע צַייט אַז אִיךְ שְׁלָאף, הָאט מִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט – אוּן דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט"? (אַזוֹי הָאט דֶער 'בַּארְג' גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ')!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "ווִי זָאל אִיךְ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מִיר אוֹיף, אוּן ווִילְן מִיךְ הַרְגֶ'עֶנֶען? – נָאר דָאס 'בְּלֶעטְל' אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין"!

הָאט אִים דֶער 'בַּארְג' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דָאס 'בְּלֶעטְל' אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין, בַּאדַארְפְסְטוּ קַיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן, פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ – וָוארְן אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף אַסַאךְ 'שׂוֹנְאִים' – נָאר דָאס 'בְּלֶעטְל' אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין!

קוּם וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן, הָאט עֶר אִים גֶעוִויזְן: ווִי אַרוּם דֶעם 'בַּארְג', שְׁטֵייעֶן אֲלָפִים וּרְבָבוֹת [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער־טוֹיזְנְטֶער] 'שׂוֹנְאִים' – אוּן זֵיי מַאכְן 'סְעוּדוֹת', אוּן זֶענֶען 'פְרֵיילֶעךְ', אוּן 'כְּלֵי־זֶמֶר' שְׁפִּילְן, אוּן זֵיי 'טַאנְצְן'!

אוּן דִי 'שִׂמְחָה' אִיז: וָואס אַ 'כִּיתָּה' [גְרוּפֶּע] פוּן זֵיי – טְרַאכְט אֵיינֶער אוֹיס, אוּן פַאלְט אוֹיף אַ 'חָכְמָה': "ווִיאַזוֹי מֶען זָאל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם 'בַּארְג'"! – אַזוֹי [דַאן] מַאכְן זֵיי אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה', אוּן אַ 'סְעוּדָה', אוּן מֶען 'שְׁפִּילְט', אוּן מֶען 'טַאנְצְט'! – אוּן אַזוֹי [טוּט] אִיטְלֶעכֶע 'כִּיתָּה' (דְהַיְינוּ: אַ טֵייל [גְרוּפֶּע]) פוּן זֵיי!

נָאר דָאס [זֶעלְבְּן] 'בְּלֶעטְל' פוּן דִי 'נִימוּסִים' וָואס סְ'אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין – אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין!

**[ד]** אוּן אוֹיף דֶעם 'שְׁפִּיץ בַּארְג', אִיז [גֶעוֶוען] אַ 'טַאבְּלִיצֶע' [טָאוֶועל פוּן הָאלְץ] – אוּן דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "[וֶועגְן] דִי 'נִימוּסִים' פוּן דֶעם 'בְּלֶעטְל' וָואס סֶע [סְ'אִיז] מֵגִין אוֹיף אִים, פוּן אַ וָואסֶערֶע 'אוּמָה' סְ'אִיז"! – נָאר מַחֲמַת [וַוייל] דֶער 'בַּארְג' אִיז הוֹיךְ, קֶען מֶען נִישְׁט לֵיינֶען דָאס 'כְּתַב'!

נָאר אוּנְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ 'טַאבְּלִיצֶע', אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז וֶוער סְ'הָאט אַלֶע 'צֵיין', דֶער קֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם 'בַּארְג'"!

הָאט הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ גֶעגֶעבְּן [גֶעמַאכְט]: אַז סְ'וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ 'גְרָאז', דָארְט וואוּ מֶען בַּאדַארְף אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' – אַז וֶוער סְ'קוּמְט אַהִין, פַאלְן אִים אַרוֹיס אַלֶע 'צֵיין' – סַיי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען 'צוּפוּס', סַיי עֶר הָאט גֶערִיטְן, סַיי עֶר אִיז 'גֶעפָארְן' אִין אַ 'וָואגְן מִיט בְּהֵמוֹת' – זֶענֶען אַלְץ אַלֶע 'צֵיין' אַרוֹיסְגֶעפַאלְן!

זֶענֶען דָארְט גֶעלֶעגְן, הוֹיפְנְוַוייז [אַסַאךְ הוֹיפְנְס] מִיט 'צֵיין', אַזוֹי־ווִי 'בֶּערְג'!

## [פֶּרֶק ג] דֶער 'נִימוּס' פוּן 'אִידְן' / דֶער 'חָכָם' בַּאשֵׁיידְט דֶעם 'חָלוֹם' / דִי 'סַמָּנֵי־הַקְטוֹרֶת' / דִי 'אַייְנְגֶעבּוֹיגֶענֶעם אַלְטִיטְשְׁקְן' / עֶר זֶעהְט אַלֶעס / דִי 'יְפַת־תּוֹאַר' / דִי רְמָזִים

**[א]** דֶערְנָאךְ הָאבְּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'דוּמִיט', גֶענוּמֶען דֶעם 'פַּאטְרֶעט', אוּן הָאבְּן אִים ווִידֶער צוּם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט [צוּנוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט] אַזוֹי־ווִי פְרִיעֶר! – אוּן דִי 'קְרוֹין' הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען, אוּן הָאבְּן [דָאס] אָפְּגֶעוַואשְׁן, אוּן הָאבְּן ווִידֶער אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט!

**[ב]** הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעכַאפְּט, אוּן הָאט תֵּיכֶף אַ קוּק גֶעטָאן אוֹיף דֶעם 'בְּלֶעטְל' וָואס סְ'הָאט אוֹיף אִים מֵגִין גֶעוֶוען: "פוּן אַ וָואסֶערֶע 'נִימוּס' פוּן אַ וָואסֶערֶע 'אוּמָה' דָאס אִיז"! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, אַז סְ'שְׁטֵייט דָארְט: "דֶער 'נִימוּס' פוּן 'אִידְן'"!

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם 'בְּלֶעטְל', מִיט דֶעם 'אֱמֶת' [אֱמֶת'ן בְּלִיק]! – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] 'אֱמֶת' [אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ]!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] עֶר וֶועט שׁוֹין בְּוַודְאַי זַיין אַ 'אִיד'! – נָאר וָואס טוּט מֶען, אַז מֶען זָאל דִי 'גַאנְצֶע וֶועלְט' מַחֲזִיר־לְמוּטָב זַיין, מֶען זָאל זֵיי אַלֶע בְּרֶענְגֶען צוּם 'אֱמֶת'"?!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "עֶר וֶועט פָארְן זוּכְן אַ 'חָכָם', וָואס עֶר זָאל אִים 'פּוֹתֵר־חָלוֹם' זַיין כַּהֲוָויָיתוֹ"! (דְהַיְינוּ: עֶר זָאל אִים בַּאשֵׁיידְן דֶעם 'חָלוֹם', פּוּנְקְט אַזוֹי־ווִי עֶר אִיז)!

**[ג]** אוּן עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען 'צְוֵויי מֶענְטְשְׁן', אוּן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף דֶער 'וֶועלְט' – נִישְׁט אַזוֹי־ווִי אַ 'מֶלֶךְ', נָאר ווִי אַ 'פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשׁ'! – אוּן אִיז גֶעפָארְן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער, אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט: "ווִי גֶעפִינְט מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם', וָואס עֶר זָאל 'פּוֹתֵר־חָלוֹם' זַיין כַּהֲוָויָיתוֹ"?!

הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז דָארְט אוּן דָארְט, גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם'"!

אִיז עֶר גֶעפָארְן אַהִין, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'חָכָם', אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם 'אֱמֶת': "אַז עֶר אִיז אַ 'מֶלֶךְ', אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען [אַייְנְגֶענוּמֶען] 'מִלְחָמוֹת' – אוּן דִי

**גַאנְצֶע ׳מַעֲשֶׂה׳ וָואס סֶע** [סְ׳אִיז] **גֶעוֶוען, כַּנַ״ל** [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]**״! – אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: ״אַז עֶר זָאל אִים ׳פּוֹתֵר־חָלוֹם׳ זַיין״!**

**הָאט אִים דֶער ׳חָכָם׳ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ אַלֵיין קֶען נִישְׁט ׳פּוֹתֵר׳ זַיין** [בַּאשֵׁיידְן]**! – נָאר סְ׳פַארְהַאנְדְן אַ** [גֶעוִויסֶע] **צַייט, אִין־דֶעם אִין־דֶעם ׳טָאג׳, אוּן אִין־דֶעם ׳חוֹדֶשׁ׳ – דֶעמָאלְט נֶעם אִיךְ צוּם־אוֹיף** [צוּנוֹיף]**, אַלֶע ׳סַמָנֵי־הַקְטוֹרֶת׳** (כְּלוֹמַר: אַלֶע ׳קְרַייטֶעכְצֶער׳ [גֶעוִוירְצְן] וָואס פוּן זֵיי פְלֶעגְט מֶען מַאכְן ׳קְטוֹרֶת׳) **– אוּן אִיךְ מַאךְ פוּן זֵיי אַ ׳מוּרְכָּב׳** (כְּלוֹמַר: עֶר מִישְׁט זֵיי אוֹיס אִינְאֵיינֶעם) **– אוּן ׳מְ׳רֵייכֶערְט דֶעם ׳מֶענְטְשְׁן׳ מִיט דִי ׳קְטוֹרֶת׳ – אוּן דֶער ׳מֶענְטְשׁ׳ הָאט אִינְזִין וָואס עֶר וִויל זֶעהְן, אוּן וָואס עֶר וִויל וִויסְן – וֵוייסְט עֶר דֶעמָאלְס אַלְדִינְג** [אַלֶעס]**״!**

**[ד] הָאט זִיךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא אַזוֹיפִיל צַייט דֶערוֹיף פַארְבְּרַאכְט** [פַארְבְּרֶענְגְט] **– וֶועט עֶר נָאךְ וַוארְטְן בִּיז ׳דֶעם טָאג׳ אוּן ׳דֶעם חוֹדֶשׁ׳** (וָואס דֶער ׳חָכָם׳ הָאט אִים גֶעזָאגְט)**״!**

*

[וֶוען] **סְ׳גֶעקוּמֶען דֶער ׳טָאג׳** [דָאזִיגֶער] **– הָאט אִים דֶער ׳חָכָם׳ אַזוֹי גֶעטָאן, אוּן הָאט אִים גֶערֵייכֶערְט מִיט דִי ׳קְטוֹרֶת׳!**

**הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן: אֲפִילוּ וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעטָאן, אֵיי** [אֵיידֶער] **עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דֶעמָאלְט אַז** [וֶוען] **דִי ׳נְשָׁמָה׳ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בָּעוֹלָם־הָעֶלְיוֹן** (כְּלוֹמַר: אוֹיף ׳יֶענֶער־וֶועלְט׳)**!**

**הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: וִוי מְ׳הָאט זַיין ׳נְשָׁמָה׳ גֶעפִירְט, דוּרְךְ אַלֶע וֶועלְטְן – אוּן מְ׳הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: ״וֶוער סְ׳הָאט עֶפֶּעס ׳מְלַמֵּד־חוֹב׳ צוּ זַיין** (כְּלוֹמַר: צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס) **אוֹיף דֶער ׳נְשָׁמָה׳ – זָאל עֶר קוּמֶען״! – הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעפוּנֶען וָואס עֶר זָאל ׳מְלַמֵּד־חוֹב׳ זַיין!**

**דֶערְוַוייל אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן אִיז גֶעלָאפְן, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן: ״רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, הֶער צוּ מַיין גֶעבֶּעט: אַז** [אוֹיבּ] **דֶער וֶועט קוּמֶען אוֹיף ׳דֶער־וֶועלְט׳, וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּטָאן, אוּן נָאךְ** [צוּלִיבּ] **וָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן״!**

**אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳סַמֶ״דְ־מֶ״ם׳** (כְּלוֹמַר: דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן, דָאס אִיז דֶער ׳סַמֶ״דְ־מֵ״ם׳ אַלֵיין גֶעוֶוען – עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: ״אַז [אוֹיבּ] דִי ׳נְשָׁמָה׳ וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אִין ׳דֶער־וֶועלְט׳ אַרַיין, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט [וָואס] צוּטָאן״)**!**

**הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דִי** [דָאזִיגֶע] **׳נְשָׁמָה׳, מוּז אַרָאפְּגֵיין אוֹיף ׳דֶער־וֶועלְט׳ – אוּן דוּ, גֶעבּ דִיר אַ ׳עֵצָה׳״! – אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!** (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן [דֶער ׳סַמֶ״דְ־מֶ״ם׳])!

**[ה] הָאט מֶען וַוייטֶער דִי ׳נְשָׁמָה׳ גֶעפִירְט דוּרְךְ ׳עוֹלָמוֹת׳** (כְּלוֹמַר: וֶועלְטְן) **– בִּיז מְ׳הָאט דִי ׳נְשָׁמָה׳ שׁוֹין גֶעבְּרַאכְט, צוּם ׳בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה׳, כְּדֵי מְ׳זָאל זִי שׁוֹין בַּאשְׁוֶוערְן – כְּדֵי זִי זָאל שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין אוֹיף ׳דֶער־וֶועלְט׳** [וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט אִין נִדָּה דַף ל:, ״אַז מֶען בַּאשְׁוֶוערְט דִי ׳נְשָׁמָה׳ פַארְן אַרָאפְּקוּמֶען״]**! – אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען** (דְהַיְינוּ: דֶער ׳סַמֶ״דְ־מֶ״ם׳ וָואס הָאט פְרִיעֶר גֶעשְׁרִיגְן, אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען)**!**

**הָאט מֶען נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט אַ ׳שָׁלִיחַ׳! – אִיז עֶר גֶעקוּמֶען! – אוּן הָאט מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט** [גֶעבְּרֶענְגְט]**, אַ ׳אַלְטִיטְשְׁקְן׳ אַ ׳אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם׳, וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מִיט אִים פוּן לַאנְג** (דְהַיְינוּ: דֶער ׳בַּעַל־דָבָר׳, הָאט זִיךְ מִיט דֶעם ׳אַלְטְן׳, גֶעקֶענְט פוּן לַאנְג)**!**

**אוּן עֶר** [דֶער ׳בַּעַל־דָבָר] **הָאט גֶעלַאכְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין אַ ׳עֵצָה׳ גֶעגֶעבְּן! דִי ׳נְשָׁמָה׳ מֶעג שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין אוֹיף ׳דֶער־וֶועלְט׳״!**

**הָאט מֶען גֶעלָאזְט דִי ׳נְשָׁמָה׳ – אִיז זִי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אוֹיף ׳דֶער־וֶועלְט׳!**

**[ו] אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן** (דְהַיְינוּ: דֶער ׳מֶלֶךְ׳)**: וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן** [אָפְּגֶעטוּהְן]**, מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף** [פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף]**! – אוּן וִוי** [וִויאַזוֹי] **עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳מֶלֶךְ׳! – אוּן דִי ׳מִלְחָמוֹת׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט וְכוּ׳!**

*

**אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען ׳שְׁבוּיִים׳** [גֶעפַאנְגֶענֶע]**! – אוּן צְוִוישְׁן דִי ׳שְׁבוּיִים׳, אִיז גֶעוֶוען אַ ׳יְפַת־תּוֹאַר׳, וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי ׳חֵן׳ פוּן דֶער וֶועלְט! נָאר דֶער ׳חֵן׳ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן אִיר אַלֵיין, נָאר סְ׳הָאט אוֹיף אִיר גֶעהָאנְגֶען אַ ׳דוּמִיט׳** [דִימַאנְט]**, אוּן דֶער** [דָאזִיגֶער] **׳דוּמִיט׳ הָאט גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי ׳חֵן׳! – אוּן מַחֲמַת** [צוּלִיבּ] **דֶעם הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז זִי הָאט אַלֶע עֶרְלֵיי ׳חֵן׳!**

*

**אוּן אוֹיף דֶעם ׳בַּארְג׳ – קֶענֶען מֶער נִישְׁט קוּמֶען, נָאר ׳חֲכָמִים׳ אוּן ׳עֲשִׁירִים׳ וְכוּ׳.**

*

(אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר [רַבֵּינוּ זַ״ל] נִישְׁט דֶערְצֵיילְט)**! – אוּן סֶע** [סְ׳אִיז] **נָאךְ דָא זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערִינֶען!**

(דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט מִיט דִי ׳שְׁבוּיִים׳ – דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן גוּט, אַזוֹי־וִוי עֶר [רַבֵּינוּ זַ״ל] הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט)**!**

*

**[ז] ״מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ וְכוּ׳. ה׳ מָה רַבּוּ צָרָי רַבִּים קָמִים עָלָי. וְאַתָּה ה׳ מָגֵן בַּעֲדִי, כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי וְכוּ׳״** [תְּהִלִּים ג, א־ב־ד]**! – פַארְטַייטְשׁ גוּט דָאס גַאנְצֶע ׳קַאפִּיטְל׳! – אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט – וֶועסְטוּ זֶעהְן וִויאַזוֹי דָארְט אִיז מְרוּמָז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.**

**[שְׁטֵיי אוּן קְלֶער אַרַיין דִי דָאזִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן! – אוֹיבּ דוּ בִּיזְט אַ ׳בַּעַל־נֶפֶשׁ׳, בְּלַייבּ שְׁטֵיין פַארְצִיטֶערְט אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט! – זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הָאר פוּן דַיין קָאפּ, אוּן פַארְוואוּנְדֶער זִיךְ אִין דִי דָאזִיגֶע זַאכְן, וָואס שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֶעכְסְטֶע הִימְלְן!**

הדפסת והפצת הגליון, נתנדב ע״י הרוצה בעילום שם, לזכות להגיע להקיבוץ הק׳ באומאן ראש השנה בנחת ובניקל, עם שאר חסידי ברסלב בארץ ובחו״ל.

## גראמען אויפן ניגון שערי ציון

**פזמון:** שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, מַיין תְּפִלָּה פוּן הַארְץ הֶער שׁוֹין טַאטֶע קְרוֹין

בַּאוַוייז דַיינֶע וואוּנְדֶער, אִין זְכוּת פוּן דִי קִינְדֶער
רֵיין פוּן אַלֶע זִינְד, הֶער אוּנְז אוֹיס אַצִינְד
שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, מַיין תְּפִלָּה פוּן הַארְץ הֶער שׁוֹין טַאטֶע קְרוֹין
דִיר מַמְלִיךְ צוּ זַיין, אוּן מָשִׁיחַ'ן אַקֶעגְן גֵיין

אוֹי אוֹי, פְּתַח לָנוּ שַׁעַר, עֶפְן שׁוֹין אוֹיף
דֶער צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן בַּאפְרַיי, אוֹיף דֶעם אִיךְ הָאף

דִי טְרֶערְן וָואס אִידְן פַארְגִיסְן, דִי גְזֵרָה זָאל וֶוערְן צֶערִיסְן
דִי וֶועגְן עֶפְן וָואס מֶער, צוּם רֶבִּי'ן אָן קַיין שְׁטֶער

אוּמַאן, אוּמַאן, דֶער בַּארְג, דֶער צִיּוּן, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס הֵיים
אוּמַאן, אוּמַאן, דֶער קִבּוּץ בַּאנַיי שׁוֹין וִוי בַּיָּמִים, הָהֵם
אוּמַאן, אוּמַאן מִיר וִוילְן פָארְן צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוּן, דָארְט
אוּמַאן, אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אוֹיפְן הֵיילִיגְן אָרְט

**פזמון:** שַׁעֲרֵי צִיּוֹן...

## די זיבעטע מעשה - מזבוב ועכביש

א. שאלת זכות: ווען האט דער רבי פארציילט די מעשה (עיין חיי מוהר"ן אות נ"ט)
- ❑ זומער תקס"ז
- ❑ זומער תקס"ו.
- ❑ ווינטער תקס"ז

**ב. וועלכע טאג אין יאר האט דער מלך געמאכט א סעודה ?**
- ❑ אין דעם טאג וואס ער האט אפגענומען די מלחמה
- ❑ אין דעם טאג וואס ער האט גענומען אסאך שבויים.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וועלכע אומה זאגט דער רבי עקסטער אז מען האט פון זיי געמאכט געשפעט?**
- ❑ פון אדום און פון דעם טערק
- ❑ פון די בבליים.
- ❑ פון דעם טערק

**ד. מען האט ליצנות געמאכט אויך פון אידן?**
- ❑ מן הסתם.
- ❑ ניין.
- ❑ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ה. וויפיל מאל האט דער שפין פרובירט כאפן דעם פליג?**
- ❑ דריי מאל
- ❑ צען מאל
- ❑ עטליכע מאל

**ו. וואס איז ביים סוף געשעהן מיטן שפין?**
- ❑ דער גרייכט דעם פליג.
- ❑ געווארן צו בלוטיגט.
- ❑ עס איז פון איר גאר נישט געבליבן.

**ז. וואס האט דער מלך געשריגן אינמיטן חלום?**
- ❑ ראטעוועט ראטעוועט.
- ❑ דער רבי זאגט נישט וואס ער האט געשריגן
- ❑ געוואלד געוואלד.

**ח. ווער האט אויף געוועקט דער הויכן בארג?**
- ❑ דער ס"מ.
- ❑ דער מלך ווען ער האט געשריגן.
- ❑ די פליג און די שפין.

**ט. וואס האט פאסירט מיט ווער עס איז געגאנגען אויף די גראז וואס פירט ארויף צום בארג?**
- ❑ עס איז אים אראפ געפאלן אלע ציינער.
- ❑ ער האט נישט געקענט הערן
- ❑ ער האט נישט געקענט גיין

**י. וואס פארא בלאט האט געהיטן אויפן מלך?**
- ❑ פון דעם טערק .
- ❑ פון די אידן.
- ❑ פון די זיבעציג פעלקער.

**יא. מיט וויפל מענטשן איז דער מלך געגאנגען זוכן דעם חכם ?**
- ❑ מיט צוויי מענטשן.
- ❑ מיט א גאנצער מנין.
- ❑ אליין.

**יב. ווי אזוי איז ער געגאנגען אנגעטון זוכענדיג דעם חכם?**
- ❑ מיט קעניגליכע קליידער.
- ❑ ווי א אלטער מענטש.
- ❑ ווי א פראסטער מענטש.

**יג. וואס האט דער ס"מ געשריגן?**
- ❑ אז די נשמה וועט קומען אויף די וועלט, וואס האב איך שוין צו טאן.
- ❑ ער זאל אראפ גיין אויף די וועלט.
- ❑ ראטעווע מיר.

**יד. וועמען האט דער ס"מ מיט געברענגט?**
- ❑ ער איז געקומען אליין.
- ❑ א אלטער מענטש
- ❑ א אלטער איינגעבויגענער מענטש.

**טו. וואס האט דער ס"מ געטאן?**
- ❑ געוויינט.
- ❑ געלאכט.
- ❑ געטאנצט.

**טז. צום סוף איז די נשמה אראפ אויף די וועלט?**
- ❑ ניין.
- ❑ יא.
- ❑ עס האט זיך אפגעהאלטן.

**יז. ווער איז געווען צווישן די שבוים וואס דער מלך האט געפאנגען?**
- ❑ א אלטער.
- ❑ א אינגל.
- ❑ א יפת תואר.

**אז דאס בלעטל איז אויף דיר מגיו באדארפסטו קיין מורא נישט צו האבן פאר קיין שום זאך**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

# אַ פְּרוּמֶע בְּלַאט?!

קִינְדֶער וָואס מֵיינְט הַשְׂכָּלָה?! אִיז הַיינְט אוֹיךְ דָא אַזַא מִין אָנְשִׁיקֶענִיש, אָדֶער אִיז עֶס נָאר גֶעוֶוען אַמָאלִיגֶע צַייטְן?!

הַשְׂכָּלָה מֵיינְט דֶער מֶשָׂג פוּן זַיין גֶעבִּילְדֶעט אוּן גֶעלֶערְנְט, קֶענֶען שְׁפְּרַאכְן אוּן חָכְמוֹת פוּן דִי גוֹיִם, וִוי מֶער אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אַלְס מֶער חָשׁוּב. דָאס הָאט לַיידֶער גוֹרֵם גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן בַּיי אִידְן.

מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע שוּלֶעס, אִינְוֶוערְזִיטֶעטְן, קַאלֶעדְזְשֶׁעס, גֶעלֶערְנְט אוּן גֶע'חַזְרְט מִיט גוֹיִ'שֶׁע סְטוּדֶענְטְן, בִּיז מֶען הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְ'גוֹי'אִישְׁט אוּן פַארְלוֹירְן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז אוֹיךְ דָא אַזַא נִסָיוֹן מִיט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען אוּן אוֹיסְזֶען. יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ גוּט בַּאקְלֶערְן אוּן זֶען אַז דִי בִּיכֶער אוּן בְּלֶעטְלֶעךְ אוּן זַאכְן וָואס מֶען הֶערְט אוֹיף דִי כֵּלִים אוּן וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין הַאנְט זָאל אִים בְּרֶענְגֶען נָאר דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין דִי צַדִּיקִים. וְאָנוּ תְּפִלָּה אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט זָאל גֵיין אִין רֶבִּי'ס וֶועגְן אוּן אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דִיבּוּרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן קְוַואל.

אוּקְרֵיינֶע, נָאךְ אִין צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען פַארְפְלֵייצְט מִיט הַשְׂכָּלָה. דִי אִידִישֶׁע בִּיכֶער אוּן צַייטוּנְגֶען וָואס זֶענֶען דַאן גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין אִידִישׁ, אִיז לַיידֶער גֶעוֶוען אָנְגֶעפוּלְט מִיט גִיפְט, אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִיד.

(מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ שְׁמוּעֶס פוּן פּוּרִים תשל"ו אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הַגָּדוֹל, מֵאָה שְׁעָרִים, אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט אוּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר קִינְדֶער)

ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא: "דִי בְּלֶעטֶער, דִי בְּלֶעטֶער, דִי בִּיכְלַאךְ! דִי טְרֵייף פָּסוּל! רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזֶענְטֶער טְרֵיפָה'נֶע בִּיכֶער קוּמֶען אַרוֹיס אוּן הַיינְט קֶען מֶען זָאגְן מִילְיָאנֶען!



יֶעדְן טָאג קוּמְט אַרוֹיסֶ'עט בִּיכְלַאךְ, מִיט בְּלֶעטֶער, צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער גֵייט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג!!!"

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער: "אִיר הָאט גֶעקֶענְט ר' יְשַׁעְיִ'?"

ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא: יָא עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער חַזָן.

ר' לֵוִי יִצְחָק: עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ צַייטוּנְג דוּרךְ דִי פְּרוּמֶע קְהִלּוֹת אוּן ר' יְשַׁעְיִ' הָאט עֶס אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט אִין

שְׁטוּב דֶעם צֵייטוּנְג. עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן לֵייגְט דָאס אוֹיפְן טִישׁ, פְּרֶעגְט אִים דִי רֶעבֶּיצִין זַיינֶע: "יְשַׁעְיָ' וָואס אִיז דָאס?!"

עֶנְטְפֶערְט ר' יְשַׁעְיָ': "דָאס אִיז אַ פְרוּמֶע בְּלַאט!"

דוּ וַוייבּ זַיינֶע לָאזְט נִישְׁט נָאךְ אוּן רוּפְט זִיךְ אָן, "אַ פְרוּמֶע בְּלַאט אִיז אַ בְּלַאט גְמָרָא!!"

**אַ פְרוּמֶע בְּלַאט אִיז אַ בְּלַאט גְמָרָא!!! אַרוֹיס! אַרוֹיס! אַרַיין אִין מִיסְט אַרַיין!**

ס'אִיז דָא אַ וָוארְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן; "וָואס מַאכְט אִיר נִישְׁט אַייעֶרֶע וַוייבֶּער פַאר חֲסִידוּת"?! – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן – מֶען זָאל רֶעדְן מִיט אִיר דִיבּוּרִים פוּן תַּכְלִית!! אַז מֶען רֶעדְט פוּן תַּכְלִית דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעדְן אִין שְׁטוּב קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים.

שְׁפֶּעטֶער הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק גֶערֶעדְט זַיינֶע בַּאוואוּסְטֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר דַארְפְן גָאר אַסַאךְ חֲזֶרְ'ן אוּן גֶעדֶענְקֶען, אַז מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים דַארְפְן זֵייעֶר מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט נִישְׁט צוּ הָאבְן בִּכְלַל קַיין צַייט צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וִוי דֶער תַּם וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע".



המשך פון זייט 1

הַיילִיגֶע זַאךְ פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער בַּעַל דָבָר דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן, בִּפְרָט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיסְרוּפְן: "אַז וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אָבֶּער לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה", לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, סַיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט כַּוָונָה, מִיט אַ חֵשֶׁק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דִי הַבְטָחָה פוּן סוֹף פַּרְשָׁה "לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם, פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה' אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" אָמֵן וְאָמֵן.





### צו אלע טייערע

# ברסלב'ער! אינגלעך

... דֶערְוַוייל אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, אוּן הָאט אָנְגִיקְלַאפְּט אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶע לַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן נִיצְט מִיט אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת..."

### הייבט אן ניצן

# אייערע! אוצרות

די מודעה איז פאר אלע קינדער וועלכע וואוינען אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, בלומינבורג, לעיקוואד, מאונטעינס, דשערזי סיטי, מאנטריאל, קרית טאהש, לאנדאן, מאנטשעסטער, אנטווערפן.